בס"ד

# תורת אביגדור

וארא
שנה ב'




כל הזכיות שמורות

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

## זיך לערנען פון געשעהנישן

### מדה כנגד מדה

#### פארוואס איז געקומען די מכות?

**ווען** מיר לערנען דעם סיפור פון די צען מכות איז וויכטיג קודם קלאר צו שטעלן וואס איז געווען די מטרה דערפון? און דאס דארף ווערן פעסטגעשטעלט פון אנהייב: דער ציל פון די מכות איז נישט געווען צו לאזן פריי כלל־ישראל, דער אויבערשטער האט פון פאראויס געזאגט אז די מכות וועלן נישט העלפן.

מער פון איינמאל האט השי"ת געזאגט אז ער גייט מאכן הארט דאס הארץ פון פרעה און די אידן וועלן ארויסגיין פון מצרים אין דער באשטימטער צייט ווען השי"ת וויל, דעמאלטס וועט כלל־ישראל זיין פריי, און אזוי איז אקוראט געשען. צום סוף ווען הקב"ה האט באשלאסן אז די צייט איז געקומען האט ער געמאכט אז פרעה זאל אויפשטיין אינמיטן דער נאכט און ארויסיאגן כלל־ישראל פון זיין לאנד.

יעצט, אויב די מכות האט נישט אויסגעפעלט אונז צו באפרייען האט דאך דער אויבערשטער אונז געקענט ראטעווען אין א פיל וויניגער קאמפליצירטן וועג, ער וואלט געקענט שיקן א חלום פאר פרעה, אזוי ווי פאר לבן הארמי אינמיטן דער נאכט ווען ער איז נאכגעלאפן יעקב אבינו. אדער ווי דער חלום פאר'ן קעניג פון די פלישתים, אדער ווי דער פריערדיגער פרעה אין דער צייט פון אברהם אבינו, פרעה וואלט דעמאלטס אויפגעשטאנען אינדערפרי און צאמגערופן זיינע מיניסטארן און געזאגט צו זיי, קוקטס אהער חברה, נאך אסאך ערנסטע בארואטונגען און זיך איבערטראכטן בין איך געקומען צו די מסקנא אז איך לאז דאס אידישן פאלק גיין פון מיין לאנד.

און דאס וואלט געווען דער סוף פון דער גאנצער פרשה. אין די קאאירע צייטונגען וואלטן געווען העדליינס אויף די פאדערשטע צייטונג בלעטער: "נייעס־קוואל פון קעניגליכן פאלאץ אנדעקט! ס'איז געקומען א קעניגליכע באשלוס: 'פרעה לאזט אידן פריי'!" און מיר

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

וואלטן דאס זעלבע ארויסשפאצירט פון מצרים אן דעם גאנצן טארעראם פון די מכות. דער אייבערשטער וואלט דאס געקענט ברענגען אויף דעם וועג, פארוואס נישט?

## די ערב רב

**אויב** אזוי, אויב די מכות איז נישט געווען וויכטיג צו דערגרייכן די פרייהייט פון כלל־ישראל וואס איז באמת געווען זייער ציל? און מיר דארפן נישט קוקן צו ווייט צו באקומען דעם ענטפער, ווייל דער אויבערשטער האט דאס קלאר ארויסגעשריבן, ער האט געזאגט פאר משה רבינו פארוואס ער שיקט די מכות, "וְיָדְעוּ מִצְרַיִם כִּי אֲנִי ה׳ " - די מצריים זאלן וויסן אז איך בין דער גאט (שם ז, ה). דאס איז געווען דער ציל פון די מכות!

אזוי איז טאקע געווען, אז גאר אסאך מצריים האבן באקומען די לעקציע, א חלק ווייניגער און א חלק מער. ס׳געווען אזעלכע וועלכע האבן זיך גוט דערלערנט און זיי האבן זיך אנגעשלאסן זייער חלק מיט כלל־ישראל. "וְגַם עֵרֶב רַב עָלָה אִתָּם" - א גרויס חלק פון די מצריים זענען ארויס פון מצרים מיט די בני ישראל. וואס טראכט איר? פארוואס? ווייל "וְיָדְעוּ מִצְרַיִם" - זיי האבן זיך געלערנט א לעקציע!

מיר פארשטייען אבער גלייך אז די מכות איז נישט געקומען אז די מצריים זאלן בענעפיטירן, פאר׳ן אויבערשטן האט נישט מורא׳דיג אינטערסירט די מצריים. דער עיקר פאר ווען די לעקציע איז געווען געווידמעט איז געווען פאר כלל־ישראל.

דער לימוד איז פאר אונז! ווער לייענט נאך אין דער תורה יעדעס יאר? די מצריים? מאכן דען די מצריים פסח אויפדערנאכט א סדר דאס צו געדענקען? אויב אזוי ווען די תורה זאגט "וְיָדְעוּ מִצְרַיִם כִּי אֲנִי ה׳" מיינט דאס "וְיָדְעוּ ׳בני ישראל׳ כִּי אֲנִי ה׳" און "אויך" די מענטשן פון מצרים! די מצריים וועלן זיך אויך לערנען, אבער די אמת׳ע מטרה איז אז די אידישע קינדער זאלן דאס וויסן אז איך בין דער באשעפער.

## מיר האבן א לעבעדיגן גאט!

**קומט** אויס אז אויב די מצריים האבן געזען דעם באשעפער, דעמאלט האבן די מענטשן פאר וועמען די לעקציע איז געווען באשטימט, די בני ישראל, אים געזען טויזנט מאל מער. מיר האבן נישט קיין השגה וואס איז געווארן אויפגעטון ביי יעדער מכה! יעדע מכה איז געווען נאך א שיעור אין דער אנערקענונג פון השי״ת. "לְמַעַן תֵּדְעוּ כִּי אֲנִי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם" - איך האב דאס אלעס געטון דו זאלסט וויסן, באמת וויסן, אז איך בין דער באשעפער דיין גאט (דברים כט, ה).

דאס איז דער גרויסער לימוד, אז עס איז נישט פארהאן קיין מקרה אין דער וועלט. אויב די גייסט ארויס פון מצרים צו ווערן פון מיינע מענטשן, די גאנץ ערשטע זאך וואס דו דארפסט לערנען איז אז דער באשעפער איז פאראנטווארטליך פאר אלע געשעענישן וואס קומען פאר

אויף דער וועלט און אלעס וואס געשעט קומט דירעקט נאר פון אים. די מכות איז געווען באשטימט אלס א לימוד אז די וועלט האט א בעל־הבית און דער בעל־הבית ענטפערט, ער רעאגירט צו וואס די מענטשן טוען דא אויף דער וועלט.

אזוי ווי איך האב דאס שוין אמאל מסביר געווען, אז דער אויבערשטער שיקט אונז נישט געשעענישן וואס זענען אינגאנצן פארדעקט און באהאלטן, ער וועט אלעמאל אונטערלייגן א צייכן צו געבן א רמז פארוואס עס איז געקומען. דאס איז א יסודות׳דיגער פרינציפ, דער אויבערשטער גיט אונז סימנים. ווען עפעס געשעט איז עס נישט א שלעכט־מזל, נאר א רמז אויף עפעס אונטער דעם. אויב ווילסטו וויסן פארוואס עס איז עפעס געשען צו דיר, לערן דאס אפ, קוק איבער און באטראכט דעם וועג ווי אזוי עס איז געשען, גאר אסאך מאל וועסטו קענען צוטרעפן פארוואס עס איז געשען.

## אן אויג פאר אן אויג

**די** משנה (סוטה א, ז) זאגט: ״במדה שאדם מודד, בה מודדין לו - מיט דער מאס וואס א מענטש מעסט, מיט דער מאס מעסט מען אים. וואס מיינט דאס? דאס קומט אונז זאגן אז דער שטראף וואס א מענטש באקומט אויף דער וועלט איז אויסגעשטעלט אין א וועג ענליך צו דאס וואס ער האט נישט ריכטיג געטון. דאס איז דער באוואוסטער יסוד פון ״מדה כנגד מדה״.

חז״ל האבן אפגעלערנט אז יעדע מכה וואס די מצריים האבן באקומען איז געקומען מדה כנגד מדה. אז דו לערנסט דעם מדרש וועסטו טרעפן מערערע ביישפילן, און צומאל קענסטו אויך נוצן דיין אייגענעם שכל צו טרעפן דעם מדה כנגד מדה. וואס איז געווען די סיבה פארוואס פונקט אזוי האט פאסירט די מכה? פארוואס פונקט אויף אזא מין וועג? דאס איז געשען צו צוריק באצאלן פאר די מצריים אויפן זעלבן אופן וואס זיי האבן געטון צו די אידן, און דער לימוד איז ארויסגעלערנט געווארן דורך די רמזים וואס דער אויבערשטער האט אריינגעשטעלט אין די מכות.

## צו שטארק פארנומען צו לערנען

**דאס** איבערצוקלערן פארנעמט אסאך מחשבה, און אויב מיר ווילן זיך נישט קימערן אראפצונעמען צייט דערפאר ווילן מיר נישט באקומען די בענעפיטן דערפון. דער מסילת ישרים לייגט אראפ א יסוד פארוואס מענטשן לערנען זיך נישט קיין לעקציע דאס וואס דער אויבערשטער וויל אז זיי זאלן זיך לערנען - עס איז דא מער פון איין סיבה, אבער די עיקר סיבה איז ווייל זיי זענען צו שטארק פארנומען מיט זייער אייגענע באשעפטיגונג אין לעבן. עס איז דא אזויפיל וואס צו טון, אזויפיל פרייליכע זאכן, אזויפיל אנדערע געשעענישן, נישט קיין חילוק וואס דאס איז, אבער זיי זענען פארנומען א גאנצע צייט.

ער ברענגט דאס ארויס ווי פאלגענד: ״הטפול והטרדה״ - מענטשן זענען זייער פארנומען זיי האבן נישט קיין צייט צו טראכטן, מענטשן נעמען נישט אין אכט און לערנען זיך נישט דעם

לימוד וואס זיי ברויכן לערנען, ווייל זיי נעמען זיך נישט די צייט צו לערנען פארוואס דער אויבערשטער מאכט דוקא אזוי און אזוי.

יעצט קען מען פארשטיין דעם מדרש אין אונזער פרשה (בראשית רבה י, א), דער מדרש זאגט, "על כל מכה ומכה היה משמש הדבר" - יעדעס מאל עס איז געקומען א מכה איז אויך געווען א דבר - א מגיפה, וואס איז געקומען צוזאמען מיט דער מכה. אפילו איינע פון די מכות איז געווען די מכה אליין - דבר, איז אבער מיטגעקומען א מגיפה מיט די מכה. ווען דאס וואסער איז געווארן בלוט איז אויך געווען א דבר; ווען די פרעש זענען געקומען איז אויך געווען א דבר; מיט כינים איז אויך מיטגעקומען א דבר; און אזוי ווייטער. ערוב איז געקומען מיט א דבר; שחין איז געקומען מיט א דבר. יעצט דארפן מיר פארשטיין דעם באדייט דערפון.

דער ענטפער איז אז אין דער גמרא (בבא קמא ס:) שטייט א יסוד ווי אזוי זיך צו פירן ווען עס קומט פאר א מגיפה רח"ל. די גמרא זאגט, "דבר בעיר כנס רגליך" - ווען עס איז דא א מגיפה אין שטאט, זיץ אין שטוב! עס איז זייער א וויכטיגע עצה וואס מיר זעען דא, גיי נישט ארויס זיך אויסמישן מיט מענטשן. אפילו ווען עס איז א מגיפה ווי א פארקלינוג אדער די פלו ח"ו, גיי נישט וואו עס געפינען זיך אסאך מענטשן אינאיינעם. קודם כל, פארוואס זאלסטו מנדב זיין דיינע באקטעריעס פאר אנדערע מענטשן, האלט עס פאר דיר. צווייטנס, ווען עס געפינען זיך אסאך מענטשן צוזאמען ווערן פון די אלע באקטעריעס איין גרויסע שווים־באסיין פון באקטעריעס און עס ווערט חלילה גרינגער צושפרייט. ממילא, ווען עס איז דא א "דבר בעיר", שטיי ווייט פונעם עולם, "כנס רגליך" - בלייב אין שטוב.

## דאס געווינס פון א מגיפה

**כלל־ישראל** האבן אין די טעג פון די מכות געהאט דעם גוטן געלעגענהייט צו מאכן א נוצן מיט זייער צייט זיצנדיג אין שטוב. אונזערע אור־עלטערן האבן געהאט די זקנים וועמען זיי פלעגן גיין פרעגן הדרכה אויף יעדן ענין. דו געדענקסט ווען משה רבינו איז געקומען זאגן פאר כלל־ישראל די גוטע בשורה אז זיי גייען ווערן אויסגעלייזט? ער איז נישט געקומען קיין גושן, צו די אידישע גאסן און אויסגערופן, ער האט נישט געהאנגען קיין מודעות אויף די ווענט. ער איז געגאנגען גלייך צו די זקנים - צו די זקני העם. ווייל כלל־ישראל האט געהאט אין יענע טעג גוטע מנהיגים צו וועמען זיי האבן זיך זיי צוגעהערט.

ווען די צדיקים זאגן: "דבר בעיר כנס רגליך" - בלייב אין שטוב אין צייט פון די מכות האבן אלע געפאלגט. אלע אידן זענען געזעצן אין זייערע קליינע הייזקעלעך און פארשפארט די טיר נישט צו האבן קיין ביזנעס מיט קיינעם.

אויב דו בלייבסט זיצן אין שטוב, וואס גייסטו טון? האסט גארנישט וואס צו טון, קענסט נישט ארבעטן, קענסט נישט גיין שפאצירן, קענסט נישט גיין קלויבן עפעלעך... קענסט נאר זיין אין שטוב און רעדן. אזוי איז דער טאטע, די מאמע, די קינדערלעך און די זיידעס געזעצן

צאמגעשטופט אין די קליינע הייזער. וואס זאלן זיי טון א גאנצן טאג? האבן די פירערס פון כלל־ישראל זיי געלערנט און מחנך געווען וואס צו טון.

## די לענגסטע סדר־נאכט פון סיי ווען

**די** זקנים האבן געלערנט מיט די אידן וואס איז דער ריכטיגער צוועק פון די מכות און כלל־ישראל האט אויסגעהערט! זיי האבן אפגעלערנט די מכות און זיי האבן פארשטאנען אז יעדע מכה וואס איז געקומען קיין מצרים איז געווען אויספלאנירט מיט א פונקטליכע כוונה פון מדה כנגד מדה. זיי האבן אוועקגעגעבן טעג און נעכט זיצנדיג און רעדנדיג וועגן דעם.

"וואס איז די היינטיגע נייעס?"

"די יעצטיגע מכה!" דאס איז וואס איז געווען פאפולער די וואך.

"וואס איז די סיבה פארוואס די מכה איז געקומען דוקא אויף אזא אופן?" האט מען זיך געפרעגט איינער דעם צווייטן. אויב די וועסט לערנען די מדרשים, וועסטו אנטדעקן אסאך ביישפילן וואס כלל־ישראל האט אנטדעקט מיט זייער פארשטאנד, די מקור פון די דערציילונגען וואס די מדרשים ברענגען, קומט פון זיי. עס קומט נישט פון די שפעטערע חכמים וואס האבן אויסגעטראפן די פשטים, עס קומט פון די בני ישראל וועלכע זענען געזעסן אין די הייזער און אויפגעפאסט וואס עס קומט פאר. זיי האבן פארשטאנען אז אויב דער באשעפער האט געברענגט די שטראפן פאר די מענטשן, איז דאס געקומען זיי צו באצאלן אויף וואס זיי האבן געטון שלעכטס, און די לעקציעס האבן זיי אפגעלערנט אויף זיך דורך די רמזים וואס זיי האבן געזען אין די מכות.

## צוריק צו דיר...

**לאמיר** נעמען א ביישפיל: די מכות דם קומט צו גיין, זיי זיצן אין שטוב און רעדן: "האסטו געהערט וואס איז געשען צו ממרא דער מצרי אויף דער אנדערער זייט גאס? ער איז געגאנגען קויפן א טרונק און זיין מויל איז געווארן אנגעפולט מיט בלוט אז אויב איינער וועט אים דערלאנגען א זעץ אין באק וועט ער דאס אויסברעכן אז עס וועט זיין א גרויל..."

"אהה! דער בלוטיגער מצרי! דו געדענקסט ווען ער האט מיר געפראסקעט אין פנים און מיין מויל האט געבלוטיגט? יעצט באקומט ער דאס צוריק גלייך אין פרצוף אריין!"

"אפשר איז אין ברונעם דא עפעס וואסער פאר זיי צו טרינקען?"

"ס'איז גארנישט דא! קוק אינעם ברונעם פונעם שכן, דו זעסט ווי רויט דאס איז? קוק זיי אן! זיי גראבן אריין אין דער ערד צו טרעפן א קוואל. און קוק דארט זיין ברודער דער באקאנטער רשע, ער גייט ארום אויסגעטריקנט שנארן פאר א שלונג וואסער, ער קוקט אויס ווי ער גייט חלשות..."

"יא? דער ברודער? ער איז דאך דער וואס האט אונז געצוואונגען צו ארבעטן א גאנצן טאג אונטער דער זון נישט צולאזנדיג כאפן א טרונק פונעם ברונעם. יעצט באקומט ער באצאלט גענוי וואס ער פארדינט זיך, מדה כנגד מדה."

## א שטארקער לימוד

**זיי** פלעגן אזוי שמועסן לאנג ווי דער טאג. אבער נישט אזוי ווי מיר שמועסן דא, איך רעד יעצט אזוי ווי מ'רעדט אין קינדערגארטן, זיי האבן דאס אראפגעברענגט ביז צום גרונד, זיי האבן דאך נישט געהאט בעסערס וואס צו טון. אין יענע צייטן האבן זיי נישט געליינט קיין צייטונגען אדער אויסגעטראכטע נאוועלס, זיי האבן נישט געשטופט די צייט צו הערן ראדיא. די זקינים האבן זיי אנגעוויזן ווי אזוי אויסצונוצן די צייט - צו טראכטן וואס דער אויבערשטער וויל זיי דא לערנען און רעדן וועגן דעם.

עס איז געווען א מסכתא - א מסכתא מכות, א גאנצע מסכתא, יעדע מכה א באזונדערער פרק. זיי האבן דאס געלערנט מיט מפרשים, זיי האבן אין אכט גענומען אלע דעטאלן פון יעדער מכה און ארומגערעדט דערוועגן. כלל־ישראל האט דעמאלטס געזען דעם אויבערשטן ביי יעדן טריט און שריט. אזוי האבן זיי גערעדט און גערעדט, עס איז געווען זייער אינטערעסאנט פאר זיי. פאר אונז איז דאס גאנץ אלטע נייעס אבער פאר זיי איז דאס געווען א פרישע געשעעניש, שטורמישע נייעס.

כלל־ישראל האט גע'חזר'ט דעם נושא פון מדה כנגד מדה און זענען געווארן אויפגעקלערט, "וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה'" - זיי האבן זיך באקענט מיטן אויבערשטן מער און מער. ס'איז אריין אין די ביינער, טיף אינעם מארך פון די ביינער, אז ס'איז דא א שופט, א הויפט־ריכטער וואס פירט אלעס אונטער זיין קאנטראל. די מכות האבן גע'פועל'ט! דאס מיינט נישט אז די מכות האבן מצליח געווען צו באפרייען כלל־ישראל, נאר זיי האבן מצליח געווען צו דערלערנען כלל־ישראל דעם גרויסן לימוד אז ווייל דער אויבערשטער האט אזוי ליב זיין פאלק ישראל דערפאר היט ער זיי אזוי שטארק. איינע פון די וועגן ווי אזוי ער האט אונז דאס געוויזן איז געווען דורכ'ן ווייזן דעם מדה כנגד מדה.

## די היסטארישע לעקציע

**אלעס** וואס עס שטייט געשריבן אין דער תורה איז א תורה פאר זיך, א גאנצע לימוד. ס'איז נישט סתם א געשעעניש וואס איז געשען, עס איז א לימוד פאר די שפעטערע דורות. דעריבער דארף מען דאס נעמען פאר א ביישפיל, מיר טארן דאס נישט סתם אזוי אריבערפירן ווי אן אמאליגע זאך און זאגן אז דאס איז אמאל געשען, ס'איז געווען א מטרה פאר יענער צייט. נאר מיר דארפן דאס נעמען פאר א ביישפיל פון א געשעענישן וואס קומט פאר אין אונזערע צייטן.

מיר דארפן זיך שטענדיג באציען צו דעם יסוד - ווען עפעס שלעכטס ח"ו קומט פאר, אפילו

אויף אנדערע איז דאס א לימוד פאר אונז צו לערנען וואס דער אויבערשטער מיינט אונז צו לערנען דא. עס ווענדט זיך צו אונז ווען דאס אפצולערנען אזוי ווי די אידן אין מצרים האבן דאס אפגעלערנט און אריינגעטראכט, מַה קָא מַשְׁמַע לָן? - וואס וויל אונז הקב״ה ווייזן מיט דער געשעעניש?

מיר זאגען דאס יעדן טאג ביים דאווענען, מ'דארף נאר טראכטן וואס מ'זאגט! ״היוסר גוים - דער וואס פייניגט פעלקער, הלא יוכיח - טוט ער דאס נישט אויפצווייזן עפעס? המלמד אדם דעת - ער קומט דאך מיט דעם עפעס איסלערנען פאר דעם מענטשהייט!״

## א ווייטאגליכע טעמע

**איך** מוז ענק אויפברענגען א ווייטאגליכע טעמע, אפילו ס'איז דא אסאך וואס מען קען זיך לערנען פון די פולע געשעענישן וואס איז פארגעקומען אין די לעצטע טויזנטער יארן זינט די מכות אין מצרים, איז אבער זייער וויכטיג אריינצוקוקן אין וואס ס'איז פארגעקומען אין אונזערע צייטן, די לעצטערע געשיכטעס, און פרובירן ארויסנעמען א לעקציע דערפון. וויל נישט דער אויבערשטער עפעס פון אונז? לערנט ער נישט פאר די מענטשהייט ידיעות? אויב האט ער געברענגט גאר א שווערע אפקומעניש, נישט פאר אנדערע פעלקער, נאר דוקא פאר אונזער פאלק, דאס אויסדערוועלטע פאלק וואס איז ליידער דורך אזא שווערע גזירה אין דעם האלאקאוסט, ווייסן מיר אז ס'זענען דא רמזים וואס מיר דארפן לערנען דערפון.

אסאך אידן ווילן נישט רעדן פון דעם. זיי טענה'ן אז עס איז א חילול־השם צו רעדן פון אזעלכע זאכן, ס'איז א קטרוג אויף די קדושים, עס באשולדיגט די אומגעקומענע. אבער דער קטרוג אויף הקב״ה, דאס האלטן זיי פאראהאלטנסמעסיג שטיל! נישט אומזיסט האט דער אויבערשטער געשיקט אזא כליון רח״ל.

דער אויבערשטער מאכט נישט קיין ״דינא בלא דינא״. ער טוט נישט משפט'ן אן א משפט (ברכות ה:) דעריבער איז א גרויסער חילול־השם אויב מען האלט דאס בסוד און אנשטאט דעם מאכן זיי א פראפאגאנדע ח״ו אז כביכול נעמט אוועק אומזיסט די קדושים וטהורים און אז מיר דארפן זיך גארנישט ארויסלערנען עפעס פון דעם.

## די ישיבות זענען געווען א מינאריטעט

**אין** יענער צייט איז נישט געווען צו געפינען א הונדערט פרומע אידן אונטער דרייסיג יאר וועלכע האבן געלייגט תפילין. עלטערע אידן האבן נאך אנגעהאלטן די אלטע מסורה, אבער יונגע מענטשן האבן אלעס אפגעלאזט. ס'איז געווען די ״תפארת בחורים״ פון בערך פופציג לייט, און דאס איז דאס. ס'זענען געווען אפאר בחורים וואס האבן זיך געוואלט האלטן פרום און די איבעריגע האבן אלעס אוועקגעווארפן.

אין א שטאט ווי פינסק זענען געווען פערציג טויזנט אידן אין יאר תרפ"ח. און ס'איז נישט געווען צו געפינען אפילו צען בחורים וואס האבן געלערנט אין ישיבה אינדרויסן פון פינסק, און אין פינסק איז בכלל נישט געווען קיין ישיבה. סלאבאדקע, לאמזשע, טעלז, ראדין, מיר, האבן נישט געהאט קיין צען ישיבה בחורים פון א שטאט פון פערציג טויזנט קינדער. איך האב א בריוו געשריבן דורך א פינסקער איד פאר די אידישע צייטונגען ווי ער איז מסביר דאס וואס די וועלט האט זיך איבערגעדרייט פון אויבן אראפ.

אונזער פאלק האט איגנארירט די געצילטע לעקציע. אנשטאט צו פארשטיין די לעקציע וואס דער אויבערשטער האט אונז בכוונה געשיקט צו דערלערנען האבן זיי דאס אפגעלערנט פונקט פארקערט. איינע פון די גרויסע לעקציעס פונעם האלאקאוסט וואס איז געווען געצילט צו אונז איז פארלוירן געגאנגען, עס איז אנגענומען געווארן מיט א שטיל־שווייגעניש. אנשטאט צו זיצן און דורכנישטערן צו פארשטיין די שרעקליכע מכה ווערט הקב"ה, און להבדיל אלף הבדלות דער גוי באשולדיגט.

## ווער איז שולדיג אין די קינדער

**פארוואס** זענען די דייטשן געווען אזוי אויסן צו פארניכטן ווי מער קינדער? זיי האבן געפירט א רשעות'דיגער קאמפיין קעגן די קינדער. אויף יעדן פלאץ זענען די קינדער צוגענומען געווארן. א מיליאן אידישע קינדער זענען נעבעך אומגעקומען.

אבער ווען מיר קוקן צוריק זעען מיר אז די עלטערן אליין האבן שוין פארניכטעט די קינדער לאנג פריער. דו ווייסט וועלכע שולע־נעץ איז געווען די מערסטע פאפולער אין מזרח־אייראפע? דאס זענען געווען די "תרבות שולעס", וואס האט זיך פארשפרייט ווי א ווילדער פייער און עס האט אינגאנצן איבערגענומען דעם אמאליגן חדר. די תרבות שולעס האבן געהאט אלע קינדער פון די שטעטלעך און דערפלעך. די פארדארבענע שולעס האבן אנגעפירט אפקורסים וועלכע האבן זיך נישט געשעמט צו לערנען אפענערהייט לערעס קעגן כביכול דעם אויבערשטן. זיי זענען געווען כופרים בכל התורה כולה און מאסן אידישע קינדער זענען איבערגעגעבן געווארן אין זייערע הענט צו ווערן פארניכטעט.

רבי אלחנן וואסערמאן הי"ד האט געזאגט, "רוב ילדי ישראל מתחנכים כנכרים" - רוב אידישע קינדער ווערן ערצויגן ווי גוים רח"ל. ער האט געמיינט צו זאגן אזוי ווי אפקורסים, ערגער ווי די ערלים, ווייל די תרבות שולעס זענען געווען רייצענד - די אפקורסים האבן נישט געטון א זאך האלבעוועגס, און אזוי האבן די עלטערן גערן איבערגעגעבן זייערע קינדער צו זיי! די מיליאנען קינדער זענען שוין ליידער געווען פארניכטעט נאך איידער היטלער איז אנגעקומען.

## מיר מוזן פרובירן צו פארשטיין

**ווען** אומגליקן געשעען אויף דער וועלט, ווען שווערע אומגליקן געשעען אויף אידישע קינדער דארפן מיר קלאר וויסן אז דער אויבערשטער ווייסט גענוי וואס ער טוט. מיר דארפן וויסן אז די גרויסע רשעים, די דייטשן ימ"ש זענען געווען די שלוחים פונעם אויבערשטן - היטלער ימ"ש איז געווען א שליח פון השי"ת.

איינער האט מיר אמאל געזאגט, "דו מיינטס צו זאגן אז היטלער איז געווען א צדיק?!" ניין, ער איז געווען א רשע - דער גרעסטער רשע, אבער "וְגַם רָשָׁע לְיוֹם רָעָה" - דער אויבערשטער האט אויסגעוועלט א רשע פאר די בייזע טעג (משלי טז, ד). פארשטייט זיך ער שטעלט נישט קיין צדיקים צו הרג'ענען מענטשן, ער האט אויסגעוועלט א רשע מרושע פאר'ן תפקיד. אבער זיי זענען געווען די שלוחים, עס איז נישט קיין פראגע אז ער האט דאס געטון פאר א תכלית.

פארשטייט זיך אליין אז די דייטשן זענען רשעים און ברענען יעצט אין גהינם, נאך ווי ברענען זיי, זיי ווערן דארט גוט גע'משפט. אויב מיר קענען ווען צוהערן צו זייערע געשרייען וועט אונז דאס בלוט קאלט ווערן. מיר וואלטן זיך געווארפן פאר פחד פון זייערע ווייעדיגע קולות וואס זיי פייניגן זיך דארט. אבער דאס פטר'ט אונז נאכנישט פון צו וויסן אז דער גלייכער באשעפער שטראפט נישט אן קיין יושר. אויב האט ער געברענגט א חורבן איז עס געווען מיט א ריכטיגער סיבה.

## א לעקציע פאר אונז

**עס** איז וויכטיג צו באטאנען אז דאס וואס מיר רעדן יעצט, דער יסוד ווי אזוי דער אויבערשטער שיקט רמזים, איז נישט נאר פאר א גאנץ פאלק, נאר אויך פאר יעדן יחיד באזונדער. "אם רואה אדם שיסורים באים עליו יפשפש במעשיו" - א מענטש זעט אז ער באקומט יסורים, ער באקומט ווייטאגן אויף די פוס, דארף ער אריינטראכטן: "פארוואס איז דאס געשען צו מיר?" אויב דו האסט פראבלעמען מיט דיין האנט, טראכט אריין: "פארוואס פונקט מיין האנט?" אויב דער דאקטער זאגט ער זעט עפעס אויף דיין רוקן, ער שיקט דיר צו א רוקנביין ספעציאליסט, זאלסטו בעסער אביסל אריינטראכטן: "פארוואס דער רוקנביין? וואס איז דאס געשען?"

אויב אינמיטן עסן נאכטמאל האסטו זיך צעביסן דיין צונג, אנשטאט שעלטן טראכט בעסער אריין, וואס האסטו צו באשולדיגן דיין צונג? קען זיין אז עפעס איז נישט בסדר מיט דיין צונג? ביסט פארט נישט אזא גרויסער צדיק, אפשר וואלסטו זיך געדארפט צעבייסן דיין צונג פאר'ן עפענען דיין גרויסע מויל אויף דיין ווייב. קען זיין! אויב דו לערנסט וועגן מדה כנגד מדה איז מסתבר אז עס האט עפעס א פארבינדונג. דאס איז איינע פון די סיסטעמען ווי אזוי דער אויבערשטער לאזט אונז וויסן וואס ער וויל אונז מגלה זיין. דעריבער איז דאס איינער פון די יסודות ווי אזוי א איד דארף דורכגיין זיין לעבן.

## באקום די ווערד פאר דיין געלט

**די** קענסט נישט פרובירן צו לייזן די פראבלעם מיט איין סעקונדע טראכטן, אדער אפילו מיט איין מינוט. אז א מענטש גייט אין אוניווערזיטעט און באצאלט געלט פאר א קורס, און ווען דער אינסטראקטער הייבט אן מיט זיין לעקציע, וועסטו אוועקגעבן נאר איין מינוט אים צו פארשטיין? ניין! דו גייסט אהיים און ליינסט איבער דער מאטריאל מיט אלעס וואס דו האסט זיך צוגעצייכנט, ווייל דו ווילסט באקומען די ווערד פאר דיין געלט. להבדיל א ישיבה־בחור ווען הערט א שיעור פון א אדם גדול קען ער זיך איינרעדן אז מיט איין מינוט טראכטן קען ער מפרש זיין דעם גאנצן נושא פון וואס דער שיעור רעדט זיך?

כל שכן וכל שכן ווען השי״ת גיט אונז דעם שיעור, דארף מען דאס גוט חזר׳ן. וועגן דעם שטייט אז אויב א מענטש זעט אז עס קומט אויף אים שלעכטס, ״יפשפש במעשיו.״ ״יפשפש״ מיינט אז ער דארף זוכן, נישט נאר טראכטן אויבערפלעכליך, ער דארף זוכן, פארוואס איז דאס געשען? אויב ער וועט זוכן, וועט ער בעז״ה מצליח זיין צו טרעפן.

עס איז זייער וויכטיג זיך אפצושטעלן, אראפנעמען פון זיך פינף מינוט אריינצוטראכטן. איז עס נישט גענוג וויכטיג? אסאך מענטשן - אפילו פרומע אידן - ווען עס קומט חודש אלול און מ׳הייבט אן סליחות זאגט מען דארט ״נַחְפְּשָׂה דְּרָכֵינוּ וְנַחְקֹרָה״ - לאמיר נאכזוכן אונזערע וועגן. אבער וויפיל מענטשן שטעלן זיך אפ פאר פינף מינוט צו טראכטן: ״ווי אזוי איז דורך דאס פאראנגענע יאר?״ פינף מינוט צו מאכן א רשימה פון זיינע מעשים, צו פירן די ביכער פון דער ביזנעס פון א גאנץ יאר איז גאנץ ווייניג, עס וואלט געווען א גרויסע זאך ווען איינער קען זיך בארימען: ״איך האב מקיים געווען נַחְפְּשָׂה דְּרָכֵינוּ וְנַחְקֹרָה, איך האב אוועקגעגעבן פינף מינוט צו טראכטן וואספארא לעקציע האט מיר דער אויבערשטער געשיקט במשך דעם פאראנגענעם יאר!״ ס׳איז א גאנץ ארעמע גרויסהאלטעריי, אבער הלוואי, הלוואי, אפילו די פינף מינוט איז גאנץ קנאפ. עס איז זייער וויכטיג צו האבן



אסאך צייט! פינף מינוט איז ווייט פון גענוג איבערצוגיין וואס איז געווען מיט מיר און פארוואס זאכן זענען געשען צו מיר. ״מַה זֹּאת עָשָׂה אֱלֹקִים לָנוּ?״ מען דארף אסאך צייט דאס דורכצוטראכטן!

## באמערקן מיין סוקסעס

**דער** אמת איז אויב א מענטש וועט אונטערזוכן זיינע מעשים וועט ער טרעפן עפעס צו פארעכטן, און וואס ער וועט נאר טרעפן איז א געווינס. דיין אויפגאבע אלס איד איז צו פארבינדן דיינע צרות צו דיינע דורכפעלער, און די רעזולטאטן דערפון דארף זיין, אז דו וועסט דיך פארבעסערן, דאס איז דאך די תכלית. לאמיר זאגן אז דו האסט זיך טועה געווען און דאס איז נישט געווען די פונקטליכע סיבה פארוואס דו האסט באקומען דעם שטראף. איז וואס? למשל איך שיק דיר אריין אינעם אנדערן צימער אויפצוזוכן א צען טויזנט דאלער ביל, דו גייסט ארום אינעם צימער דו זוכסט אהין און אהער און אנשטאט דעם ביל טרעפסטו א גרויסע קעסטל פול מיט גאלדענע רענדלעך. וועסטו זיין אנשטויסט? וועסטו זיין אומצופרידן אז איך האב דיר געשיקט דארט זוכן?

די האסט א געוואלדיגע נוצן פון דער געלעגנהייט, אפילו וועסט נישט צוטרעפן די אמת׳ע סיבה פאר דיין פראבלעם וועסטו נאכאלץ זיך אנפילן מיט גאלד!

דער רבינו יונה אין שערי תשובה שרייבט, ״כאשר יקבל האדם מוסר השם״ - אויב א מענטש נעמט אן די אנווייזונגען פון באשעפער, ״וייטיב דרכיו ומעלליו״ - און ער וועט פארבעסערן זיינע וועגן און מעשים, ״ראוי לו לשמח עליהם״ - זאל ער זיך פרייען אויף זיין שלעכט מזל, ״כעל הצלחות הגדולות״ - אזוי ווי ער וואלט זיך געפרייט מיט זיינע גרעסטע הצלחות אין לעבן, ווייל עס איז נישט דא קיין גרעסערער גליק אין לעבן ווי אויפצודעקן עפעס וואס איז נישט געווען ווי עס דארף צו זיין און האבן די מעגליכקייט דאס צו פאררעכטן ווילאנג מען געפינט זיך נאך אויף דער וועלט.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי״ת אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**
**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

צו מנדב זיין ״תורת אביגדור״ רופט: 845-213-7571
פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן

# שאלות ותשובות מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**וויאזוי קען א מענטש וויסן ווען הנאה צו האבן פון די וועלט און פון די אנדערע זייט ווען צו זיין א פרוש, זיך אפשיידן פון די וועלט?**

## תשובה:

דער ענטפער איז, דאס וואס עס איז בעסער פאר דיין געזונט דאס זאלסטו נוצן און הנאה האבן פון די וועלט. אויב דו גלייכסט צו עסן ברויט מיט פוטער און דאס איז גוט פאר דיר, אדער אז דו גלייכסט צו עסן טשיקן און ס'איז גוט פאר דיר, פארוואס נישט?! עס צום געזונט! אבער עס בשמחה! און זאג נישט "איך גלייך נישט צו עסן" ניין, זאג עס נישט. דו דארפסט האבן אן אפעטיט; עס מיט אפעטיט און די שפייעכטס וועט דאס אראפגליטשן - ס'העלפט פארדייען. די פליסיקייטן פון די מאגן פליסט און העלפט דיר ריכטיג פארדייען דאס עסן. דער אפעטיט העלפט פארדייען. האב הנאה פונעם עסן און די זעלבע צייט "וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ" - דאנק אים. יעדע הנאה וואס דו באקומסט פונעם עסן אדער אן אנדערע הנאה פון די וועלט, דאנק דעם אויבערשטן פאר דעם, דאנק דעם באשעפער, דאנק דעם באשעפער! דאס איז דער ציל פון אלע הנאות פון די וועלט.

ווען א מענטש ווערט משועבד צו אזאך איז עס א חורבן. דו מוזסט זיין אפגעשייד פון זאכן וואס מאכן דיר פארקענכטעד. למשל אז דו ביסט עדיקטעד צו רייכערן; אפשר אנהייב האט מען הנאה געהאט פונעם צוגארעטל אבער יעצט ביסטו שוין משועבד צו דעם. דאס איז א חורבן פארן לעבן. זיי נישט פארקנעכטעד פאר קיין שום זאך חוץ דער אויבערשטער. א קענכט פארן צוגארעטל?! בשום אופן! ווער עס ווערט א קנעכט, זאגט אים דער באשעפער" דו ביסט א קאנקורענט מיט מיין סערוויס וואס איך גיב דיר." נישט נאר צוגארעטן. דו קענסט ווערן צוגעבינדן אפילו צו אזעלכע זאכן וואס זענען איבעריג צו עסן, ווען דו זוכסט יעדע פאר מינוט צו נאשן. זיי נישט פארחלש'ט פאר נאש - עס איז נישט געזונט. אלעס וואס איז גוט און געזונט, האסטו א רעכט און דו זאלסט פון דעם הנאה האבן און דאנקן דעם אויבערשטן פאר דעם.

## נדבת השבוע

נדבת השבוע נתנדב
לע"נ הרה"ג ר' יעקב אלעזר ע"ה בן מוה"ר ר' יהושע הי"ו
לע"נ הרה"ח ר' חיים צבי ב"ר מנחם זאב ע"ה
לע"נ מרת פעשא גאלדא ב"ר מרדכי שכנא ע"ה
ע"י הרוצה בעילום שמו לרגל הולדת בתו למזל טוב
זיכו הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, משתתפים בהדפסה, והפצה